# 'דיעד' גניבה

באשיצט אייער היים




ניו יארק סטעיט אפיס
פון די אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**


# מיטלען

**ניו יארק סטעיט אפיס**
**פון די אטוירני דזשענעראל**

טוט באריכטן 'דיעד' גניבות אדער אנדערע בלאפערייען.

(800) 771-7755

ag.ny.gov/protect-our-homes

**היים אייגענטימער באשיצונג פראגראם 'האומאונער פראטעקשאן פראגראם' (*HOPP*),**

אומזיסטע האוזינג באראטונג און לעגאלע הילף פאר היים אייגענטימער.

(855) 466-3456

homeownerhelpny.com

Homeowner Protection Resources

Office of the NY Attorney General *Letitia James*

## טייערע ניו יארקער,

פאר רוב מענטשן פון אונז, איז דאס קויפן א הויז די גרעסטע אינוועסטמענט וואס מיר וועלן סיי ווען אמאל מאכן. אונזער היים איז נישט בלויז א פלאץ וואו צו וואוינען, נאר עס פארלאנגט א סאך יארן פון שווערע ארבייט.

צום באדויערן, צו זיין א היים אייגענטימער קען אייך מאכן א ציל-ברעט פאר 'דיעד' (deed) גניבה, ווי געוויסן-לאזע מענטשן פרובירן אייך צו בארויבן פון אייער הויז דורך פעלשונג אדער שווינדל. נאך ארגער, די שווינדלער'ס באליבסטע קרבנות זענען עלטערע היים אייגענטימער, און אזעלכע וואס פלאגן זיך סיי ווי מיט זייערע מארטגעדזשעס.

די פובליקאציע שטעלט אייך צו עצות און מיטלען ווי אזוי צו באשיצן אייער היים. אויב איר אדער עמיצער אנדערש וועמען איר קענט איז געפאלן א קרבן פון 'דיעד' גניבה, ביטע טוט עס באריכטן דורך אנרופן מיין אפיס אויף (800) 771-7755, אדער דורך באזוכן מיין וועב זייטל אויף: ag.ny.gov/protect-our-homes

מיט שעצונג,

Letitia James



ינריוטא קראי וינ
לארענעשזד
**סמיעשזד עשיטעל**

# וויאזוי צו באשיצן אייער היים

## עצות פאר אלע היים אייגענטימער

- **זייט געווארענט וועגן גאראנטיעס אדער פארשפרעכונגען.** זייט פארזיכטיג איבער געטרויען א פירמע אדער א פערזאן וואס "גאראנטירט" אדער "פארשפרעכט" אז איר וועט באקומען א 'לאון מאדיפיקעישאן' (loan modification), אדער סיי וועלכע אנדערע רעזולטאט מיט אייער מארטגעדזש. לעגיטימע ארגאניזאציעס און פערזאנען קענען נאר צו-זאגן אז זיי וועלן שווער ארבייטן פאר אייך. זיי קענען נישט צו-זאגן קיין רעזולטאט.
- **פארמיידט דאס באצאלן געלט פון פאראויס.** עס איז כמעט אלעמאל אומלעגאל צו פארלאנגן געלט פון פאראויס פאר א 'לאון מאדיפיקעישאן' (loan modification). אויב מען פארלאנגט פון אייך צו באצאלן געלט פון פאראויס פאר סערוויסעס, זאל עס אייך זיין פארדעכטיג.
- **איר זאלט קיינמאל נישט איבערגעבן די אייגענטימערשאפט פון אייער פראפערטי.** גיט קיינמאל נישט אוועק אייער 'דיעד' אדער די אייגענטימערשאפט פון אייער היים פאר א 'מארטגעדזש הילף פירמע' (mortgage assistance company). א געטרוי'בארע קערפערשאפט אדער פערזאן וועט אייך נישט בעטן איר זאלט איבער שרייבן אייערע רעכט צו פראפערטי פאר זיי.

## אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי

- **רעגיסטרירט זיך צו ווערן איינגעמאלדן ווען לעגאלע ענדערונגען ווערן געמאכט איבער אייער פראפערטי.** ניו יארק סיטי איינוואוינער קענען זיך איינשרייבן אין די 'רעקארדעד דאקומענט נאטיפיקעישאן פראגראם' (Recorded Document Notification Program), צו באקומען מעלדונגען איבער סיי וועלכע לעגאלע ענדערונגען, ווי למשל אייגענטימער'שאפט פון זייער פראפערטי. שרייבט זיך איין בײ: ***a836-acrissds.nyc.gov/NRD***
- **פארבינדט זיך מיט די 'דעפארטמענט אוו פיינענס'** (Department of Finance). אויב איר הערט אויף צו באקומען פראפערטי שטייער און וואסער בילס, אדער אויב אייערע יוטיליטי בילס שטייען פלוצלינג, פארבינדט זיך מיט די 'דעפארטמענט אוו פיינענס' אויף: ***nyc.gov/ finance***, אדער רופט 311.
- **קוקט איבער אייערע פראפערטי רעקארדס יעדעס יאר.** לאג'ט אריין אין די 'אויטאמאטישע סיטי רעדזשיסטער אינפארמעישאן סיסטעמס' (ACRIS) בײ: ***nyc.gov/acris***, צו זעהן אויב עמיצער האט גע'פייל'ט א 'דיעד' אדער א מארטגעדזש אויף אייער פראפערטי.on your property.

כיטערע שווינדלערס לאקערן אויף די אומגליקן פון היים אייגענטימער וועלכע ראנגלען זיך צו מאכן צאלונגען אויף זייערע מארטגעדזשעס. היים אייגענטימער וואס זענען הינטערשטעליג 'אין דיפאולט' (in default) אדער 'פאורקלאוזשער' (foreclosure) זאלן זיין סקעפטיש איבער טעלעפאנישע אדער פערזענליכע אנבאטן 'סאליסיטעישאנס' (solicitations) דורך פרעמדע מענטשן וואס פארשפרעכן אז זיי קענען ארלעדיגן א 'לאון מאדיפיקעישאן' (loan modification), אדער אפשטעלן א 'פאורקלאוזשער' (foreclosure).

## וואס איז דאס 'דיעד' גניבה?

'דיעד' גניבה פאסירט ווען עמיצער נעמט צו דעם 'טייטל' (title) פון אן אנדערן'ס היים, אן דעם אייגענטימער'ס וויסן אדער באשטעטיגונג. צוויי פון די מערסטע אפטע וועגן ווי אזוי שווינדלער'ס גנב'ן 'דידעס' זענען:

**1) פעלשונג.** דאס פאסירט ווען דער שווינדלער פעלשעוועט דעם היים אייגענטימער'ס אונטערשריפט אויף א 'דיעד', און גיט עס איין ביים 'קאונטי קלוירק' (county clerk), און

**2) שווינדל.** דאס פאסירט ווען דער היים אייגענטימער שרייבט אונטער אז דער 'דיעד' זאל איבער גיין צום שווינדלער אן איינזעהן וואס זיי שרייבן עכט אונטער.